ישראל שטערן

# פּוּנם ציקל: „מאַמעס“

## דער שענסטער פלי פון א מחנה טייבן

דער געמאַכטענער פלי פון א מחנה טייבן
איז נישט אַזוי האַרמאָניש און שיין,
איז נישט אַזוי נאָענט צום אויבן
ווי דער בליק פון טאַטעס, ווען זיי זיצן אַליין

און קוקן דורכן פענסטער אין דער נאַסטיפער ווייט
און האָרכן איבער זיך א גערויש ווי פון פליגל
און דערקענען די שטימען: איינס לאַכט און איינס
שרייבט
און איינס וויל דווקא אַרויספאַל: פון ווינל.

אַזוי ווייך דער דרויסן. און זיי קאָנען נישט פאַרשטיין
ווי ווייער הויזגעזינד איז זיך פאַנאַנדערגעפלויגן;
און כאָטש זיי זיצן אין דער נאַכט ביים פענסטער אַליין
וויגן און לאָבן די קינדער ביי זיי אין די אויגן.

און זיי ווייסן: גאָט און גערעכט איז כביכול און טרויס,
ער איז די שיף אויף די וואָלקנס און דער דופט
אין די גראָזן,
און די וואָס זענען פון זייערע לענדן אַרויס
זענען אויך זייגע און ער וועט נישט פאַרלאָזן.

און די אַלטע הערצער איז א גאָרטן פון גלויבן,
אַז זייערע כעבמער און זין וואַקסן ערגעץ אין גלית.
און דער שענסטער פלי פון א מחנה טייבן
איז נישט אַזוי האַרמאָניש ווי זייער בליק.

II.

## א יונגע מאמע זינגט

טיף אונטערן וויגעלע
ביי חיימס צופיסן —
שטייט א גאָלדן ציגעלע,
פונוואַנען זאָלן מענטשן וויסן?

און אַז מען ווייסט נישט איז דאָך גוט,
וועט מען נישט פאַרן האַנדלען,
דאָס באַהאַלטנסטע איז בלוט
און טייערער פון מאַנדלען.

אונטער חיימלס וויגעלע
שטייט א גאָלדן קרינגעלע,
קיינער ווייסט גאָרנישט דערפון
אַז איך האָב א רייכן זון.

און אַז מען ווייסט נישט איז דאָך גוט
יעדער אוצר איז מחיים.
ווען אין הימל צעבליט זיך דער סוד פון בלוט
וויל די אָפענע זון שוין אונטערטיין.

.III

## צווייטע מאמע זינגט

אוי. שנער. איז שפעט. און אלע שלאפן.
א באַלויכטעגער פענסטער לויפט נאך דעם ווינט
דער, וואס האט זי געליבט, איז אנטלאפן
ווי באלויכטעגער פענסטער לויפט נאך דעם ווינט.

ער איז היים געווען, און זיינע נעכט
האבן זי שווארץ געמאכט ווי קויל.
ווער איז שולדיג און ווער איז גערעכט?
אמשענסטן איז איר גרעכטערלס טייל.

דאס צימער דריקט אויף איר ווי שטאל.
זיין בילד קלינגט דא צווישן די ווענט.
זייער חתונה האט געהאט אן ארימען באל,
אבער די נאכט האט געהאט ווייך־בלאע הענט.

טי  שטעכיס רעמריס רוים לשבן זטרינם.
שטעם אין. שווער אין. און צלט שראמן.

א באלויכטן פענסטער קומט נאך רעם ווינט
פאר איר שפאנט הענט ס'שימלטע אמן.

## דריטע מאַמע, זינגט

דאָס רייכע יאָר איז נאָך ווייט
און מיין זון איז איצט אַזוי קליין.
ער ליגט נאָך דערווײַלע און שרייט
און האָט נאָך נישט קיין ציין.

ווייט איז דאָס רייכע יאָר,
און דורך אַלע טויערן
קריכן אַרום פֿאַר הונגער די האָר.
און די שכנערן טרויערן.

דאָס רייכע יאָר איז נאָך ווייט,
נאָך איז ערד נישט מיט זומער באַפאַרבט,
ווינטערדיק לאַנג שלאָפֿט די צייט
און זעט אַ חלום: זי שטאַרבט.

און זעט פֿעלדער מיט קאָרן מיט רייכן
נאָר זי באַקומט נישט קיין ביס;
און זעט ווייטע געשפּיגלטע טייכן,
נאָר זי פֿאַלט פֿון דאָרשט און די פֿיס.

איז דאָס אַ חלום אַ בייזער,
און מיין קינד איז איצט אַזוי קליין.
ווער זאָל זיין דער דערלייזער?
מיין קינד האָט נאָך נישט קיין ציין:

ווייט הענגט די שיין פֿון דעם טאָג,
ווען זיין טאַטע וועט זיין בענטשונג דער מאַמען,
און די וועלט איז אַ שטיינערנער בלאָק
וואָס קרײַזלט זיך ביי ברעגעס פֿון ימען, —

איר נטרעכטיקייט איז: דורכשפּור
וואָס וואָרט אין וואַסער פֿאַרלוירן,
און ווי זויטן אין שוים פֿון אַ האָר
ווען איר גאולה נאָרנישט געבוירן.

וועלט קאָרטשעט זיך אין יולדותדווי,
נאָר די קינדפֿעטאָרין וועט נישט דערפֿריטן.
די טעג פֿאַלן גראָ ווי שניי
און באַגראָבן דעם מענטש אונטער שנייען.

דער ווינטער צום אָרט זיך אַלץ מער,
און אַלץ שווערער קאַטשמאַרנער דער שלאָף.
די קעלט שניידט זיך נעמטער אַהער,
לאָמיך באַהיט און באַשיצט זיין פֿון שטראָף.

מיין קינדס אויגן! גאָלדענע אויגן!
און ער שמעקט ווי עפּל אין סאָד.
ער האָט נאָך קיינעם פֿון דער ערד געזויגן,
פֿון שטראָף באַשירם מיך, גאָט!

איך וועל פֿעסט די ענגסטער פֿאַרקלעבן,
זאָל אין מיין שטוב נישט אַריין קיין פֿאַרסילונג;
מיין קינד טראַכט ווערימקייט, לעבן.
איך וועל זיין די מוטער פֿון פֿרילינג.

מיין זונס דריבנע גלידער,
ווי קליינע פֿויגל זינגען זיי,
זיינע ציין ריימען זיך ווי לידער,
ווען דיכטער־האַרץ לויפֿט דורך זיי.

ווי דער פֿרידן אין אַ ווינטער־פֿאַרנאַכט,
גאָלדיקס שטיל זיך זיין האָר.
גאָט האַנט איז שוין אויפֿגעמאַכט,
כאָטש ווייט איז צום רייכן יאָר.

כאָטש דער הימל קוקט טונקל און שלעכט,
כאָטש מענטשן זענען שטיקער געווען,
אָבער איך הער שוין דורך שטילקייט פֿון נעכט
איך הער מיין קינד וואַקסן די ציין.

ער וועט גרויס זיין און שטאַרק זיין און קלוג זיין,
און ווי אַ זון־בלום אויפֿגיין מיט פֿרייד,
די פֿונקען פֿון זיין אויג וועלן מעגלעך זיין
צו פֿאַרוואַרפֿן אַ ליבליכע קייט

אָרעם די, וואָס שווינדן און ליידן דערשראָקן,
אָרעמע פֿאַרשעלטן דעם טאָג פֿון געבוירן,
אָרעמע וואַרפֿן, ווי מיסט, זיך פֿון שטאָקן
אָרעמע האָבן אין בלעטער־שפּיל פֿאַרלוירן

די טריט פֿון דעם אייביקן וואַנדערער: —
דאָס בלוט, וואָס נייע שטאַלץ אינם לייב,
און ווי לעקן די שאַוו, וואָס אַן אַנדערער
שטעכט אין אים, זייער קינד, זייער ווייב.

מיין סינגר וואס שפארט זיין אזן פלוג זיין און פית,
דער שפאססטער שטערן איז געפאלן אויף מיין הויט,
כ'האב ניין חדשים געשריבן א בריוו,
איצט שיט איך אים אין רער וועלט ארויס.

אלן אים ליינען אלע וואס פילן
מיטן אויף זייער געוויכט,
פאר, ניב מיין זאך דעם חילן
פון א ריכטער ביים לעצטן געריכט

פֿונעם ציקל: „מאַמעס“

I. דער שענסטער פֿלי פֿון אַ מחנה טויבן

II. אַ יונגע מאַמע זינגט

III. צווייטע מאַמע זינגט

IV. דריטע מאַמע זינגט

פֿאָרויס (וואַרשע, 1937–1939)

2, נומ' 14 (16), יולי 8, 1938, ז' 2